## פּיניעלע מזיק
### גיט היינט נישט קיין לשון



פּיניעלע אָט די וואָך גיגאט א סאך צי זונן. וועי־ען די לאזוכעם אין שטוט־נאר אין וועיגן דעם כיי־רים אָפּן וואַבליכן גישלעכיז אין דער קילע. נאָר וואָס קימט אראָעס — פּיניעלע ליגט נעבעך אויף דער גריפּע — און ער קאָן נישט געבען קיין לשון.

דערפאר וועט ער קומענדיגען פרייטאָג דערלאנ־גען טאָפּעלט.

---

## נעגעז לשון קודש

צוליב דעם קאמף פאר יודיש אין ארץ־ישראל, האָבען די היגע פאננעם בעשלאָסען ארויסצוואר־פען אלע העבּרעאישע ווערטער פון דער יודישער שפּראך און אנשטאָט זיי צו בענוצען — פּוילישע, אנשטאָט „תחית המתים" — וועט מען זאָגען — „מארטווע פּאָווסטאניע", אנשטאָט „סכנת נפשות" — „סטראשאק טשעלעסני" „שיינע ריינע כפרה" — „טשיסטע פּשעבּאטשעניע", „קבר אָבות" — „טאטאָוואטי גרוב", „מים אחרונים" — „אָסטאָט־ניא וואָדא", „תלמוד חכם" — „מאָנדרי אוטשען", „גביר אדיר" „מאָצני באָגאטשי" א. אז. וו.

---

## פון דער נאכט-פּאגאטאָוויע
## ביי „לינת־הצדק"
### פערצייכענטע פּארפּאלען

ערשטער פּאָרפּאל: דערזעהענדיג אריינקומען אין געשעפט א יוד מיט א פּליושען קאפּעלושל, האָט דער פאבריקאנט כאפלאפּסקי געמיינט אז ס'איז גע קומען א גאליציאנער סוחר, קויפען סחורה, האָט ער פאר שמחה בעקומען א נערוועז־אָנפּאל.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען איז דער יוד מיטן קאפּעלושל נאָר א — משולח פון א ישי־בה, און ער איז געקומען נאָך א נדבה..

צווייטער פּאָרפּאל: דער היגער סוחר רייזעמאנ טעל, האָט קומענדיג אהיים פון שלוש סעודות, גע־טראָפען ליגען אויפן טיש א טעקע און א היטעל מיט א גלאנציגען דאשעק. מיינענדיג אז דער סעקווע סטראטאָר איז אין שלאָפצימער איז ער אוועקגעפא לען אין חלשות.

נאָכדעם ווי דעם דאָקטאָר פון דער פּאָגאָטאָוויע איז געלונגען איהם איבערצייגען אז דאָס איז זיין פרוים א סטאָלע „בן בית" אויף — „מלוה מלכה" ...איז דער פערחלשטער ערשט געקומען צו זיך.

---

## אויסגעניכטערט...
### פון גראַף קאַלי

שוין אוועק דער ליבער פורים
אוים געהוליעט און פערשטעלט....
צוריק געוואָרען אויסגעניכטערט
איז אצינד די גאנצע וועלט...

אויסגעניכטערט האָט זיך ענגלאנד
פון איהר פריינדשאפט צו בערלין
פון פאריז און לאָנדאָן פליהען
די שטאפעטען הער און הין...

מאקדאָנאַלדס ענטוואָפנונגס ־ חלום
פון די לאנגע יאָהרען פיל,
ווי פון מנחם מענדעלס גליקען
לאָזט זיך אוים א פורים־שפּיל....

דייטשלאנד נעהט אצינדער שאפען
א מיליאָנען ־ ריזיג ארמעע
און דאָס גאנצע לאנד פערוואנדעלט
ווערט אצינד אין א קאזארמע...

פארן לעהרער און פּראָפעסאָר
איז שוין דאָרט נישטאָ קיין אָרט
דער סערזשאנט איז דער ערציהער
דער פעלדפעבעל האָט דאָס וואָרט...

אויסגעניכטערט זענען אויכעט
דאָרט אין גענף די „שלום־לייט"
אלע זענען זיך צעפאָהרען
יעדער אין אנאנדער זייט....

יאָ זיי געהען איצטער נעבעך,
מיט אראָפּגעלאָזטע נעזער....
אויב ס'וועט קומען צו ענטוואָפנונג
איז פון פלעשער צו די גלעזער....

נאָר רבותי, נישט גע'דאגה'ט
שלאָגט עם אלעם קאָפּ אין קישען.
ס'איז פערהאן א גאָט אין הימעל
אין „לא ינום ולא ישן"...

אויפ'ן פידעל ־ קאָנקורס, ברידער,
— האָט איהר דאָך מסתּם געלעזען
פון די העכסטע צוועלף „פּרעמירטע"
זענען יודען זעקס געוועזען...

און עס קרעכצען די ענדעקעס:
הערט א חוצפה פון דעם יודעל!
חוץ וואָס זיי „פערכאפּען פּוילען"
האָבען זיי פערכאפּט די פידעל.....

## סתם הכמות

— די ארבייט ברענט אונטער די הענט! — האָט געזאָגט א בעקער ארויסרוקענדיג א פערברענטען טשאָלענט.

---

— כ'וועל דיך אייביג טראָגען אויף מיינע הענט! — האָט געזאָגט א יונגער בחור צו זיין האנד־זייגערל.

— כ'האָף אז מיר וועלען זיך שוין קיינמאָל מעהר נישט בעגעגענען! — האָט געזאָגט א ריכטער צו א צום טויט פערמשפּטען.

---

— וואָס קוקסט דו אויף מיר אזוי קרום? — האָט א פרוי געזאָגט צו איהר שיקעלדיגען מאַן.

---

ער שלאָגט שוין דריי! — האָט איינער געזאָגט הערענדיג ווי זיין שכן שלאָגט זיין דריט ווייב.

---

## אין א ראדיאָ-געשעפט

אין א געשעפט פון ראדיאָ־אפּאראטען קומט א־ריין א פּויער קויפען אנ'אפּאראט

— פּראָסע פּאנא, יאָ כצע קופּיץ ראדיאָ, אליע טעלקאָ נאָ קרוטקיע פאלע. באָ מאָם באַרדזאָ צאָסנע מישקאניע.

## פרויען זענען פערשידענע

פרויען זענען דאָ דרייערליי: נישט קיין אנשטענ דיגע פרויען, וואָס פאָדערן געלד, אנשטענדיגע פרוי־ען, וואָס ווילען נישט נעהמען קיין געלד, און צניעות וואָס נעהמען אליין געלד — פון מאַנס הויזען־קע־שענעם .

## אויף דער פּייפּערובקע

ערשטע יודענע: וואָס איז מיט איהנס מאַן, ער איז חלילה קראַנק?

צווייטע: חס ושלום! ער זיצט געזונטערהייט אויף דער מילשאָ.

## וואָס ער פיהרט ארויס
## פון דייטשלאנד

צאָל־בעאמטער (צו א פּליט פון דייטשלאנד): וואָס פיהרט איהר ארויס פון דייטשלאַנד? )

י ו ד : א געפיהל פון עקעל נעגען היטלעריזם — מעהר גאָרנישט.

---

## זייער שפּאַלטונג

— האָסט געהערט פון די נייעס? ביי די ענדע־קעס איז געקומען צו א שפּאַלטונג.

— גיי שוין גיי. אויף שפּאַלטען יודישע קעפּ איז ביי זיי קיינמאָל קיין שפּאַלטונג נישטאָ.

---

## זי איז גערעכט

מ א ן : וואַרט נאָר פּעסעלע, איך וועל באַלד כאפּען שמידט'ן.

וו יי ב : כאָפּ בעסער ערגעץ א נמילת חסד אויף שבת.

---

## 2 זלאָטעס א שעה

פּאציענט (צום דענטיסט) : וויפיל קאָסט ביי איך רייסען ציין ?

דענטיסט : צעהן זלאָטעס א שעה.

---

## אָ קאַלטער לונג- און לעבער

ביי דער ווייסעל אין וואַרשע שטעהט א מאַן מיט א פרוי. בײדע קריגען זיך.

— הער, מאַקס, אויב דו וועסט מיך נישט אויפ־הערען צו דאָקוטשען, שפּרינג איך שוין אין דער ווייסעל אריין.

— כ'פערשטיי נישט. וואָס האָט די ווייסעל גע־זינדיגט? — האָט דער קאַלטער גזלן גענענטפערט.

---

# דער קונדס

הומאָר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 70 פרייטאג, דעם 22 מערץ 1935

## „טזשעבא וויפּיטש"!...



**דראשקאָזש** (צום פערד) **: אַז „באַשע" זענען געוואָרען די גאָספּאָדאָזשעס פון דער שטאָט, טא טזשעבאָ וויפּיטש — נא ניע ?**

